# 2023-24 שולע יאר
# ניו יארק סטעיט אימיוניזאציע פארלאנגען
# פאר שולע אריינגאנג/אטענדענץ [1]

**באמערקונגען:**
אלע קינדער מוזן זיין פאסיג אימיוניזירט לויט זייער יארגאנג צו גיין אין שולע אין ניו יארק סטעיט. די צאל דאזעס ווענדט זיך אין דער סקעדזשול רעקאמענדירט דורך די אדווייזארי קאמיטע פון אימיוניזאציע פראקטיסעס (ACIP). צייט-אפשניטן צווישן דאזעס פון וואקסינען מוז זיין אין איינקלאנג מיט דער ACIP-רעקאמענדירטע קינד און יונגע ערוואקסענע אימיוניזאציע סקעדזשול. דאזעס וואס מען האט באקומען פאר די מינימאלע עלטער אדער צייט-אפשניטן זענען נישט גילטיג און ווערן נישט גערעכנט צום צאל פון דאזעס אויסגערעכנט אונטן. זעט פוט-נאוטס פאר ספעציפישע אינפארמאציע פאר יעדע וואקסין. קינדער וואס זענען איינגעשריבן אין אומ-קלאסיפיצירטע קלאסן מוזן ערפילן די אומיוניזאציע פארלאנגען פון די קלאסן אין וועלכע זיי וואלטן געגאנגען לויט זייער יארגאנג.

## דאזע פאדערונגען מוזן ווערן געליינט ווערן מיט די פוט-נאוטס פון דער סקעדזשול

| וואקסינען | פרי-קינדערגארטן (דעי קעיר, העד סטארט, נורסערי אדער פרי-K) | קינדערגארטן און קלאסן 1, 2, 3, 4, און 5 | קלאסן 6, 7, 8, 9, 10 און 11 | קלאס 12 |
|---|---|---|---|---|
| **דיפטעריע און טעטנעס טאקסאויד-ערהאלטנדע וואקסין און פערטאסעס וואקסין (DTaP/DTP/Tdap/Td)[2]** | **4 דאזעס** | **5 דאזעס אדער 4 דאזעס** אויב מען האט באקומען די פערטע דאזע אין עלטער פון 4 יאר אדער עלטער אדער **3 דאזעס** אויב 7 יאר אדער עלטער און מען האט אנגעהויבן די סעריע אין עלטער פון 1 יאר אדער עלטער | **3 דאזעס** | |
| **טעטנעס און דיפטעריע טאקסאויד-ערהאלטנדע וואקסין און פערטאסעס וואקסין אדאלעסענט בוסטער (Tdap)[3]** | **נישט שייך** | | **1 דאזע** | |
| **פאליא וואקסין (IPV/OPV)[4]** | **3 דאזעס** | **4 דאזעס אדער 3 דאזעס** אויב דער דריטער דאזע האט מען באקומען ביי די 4 יאר אלט אדער עלטער | | |
| **מיזעלס, מאמפס, און רובעלא וואקסין[5] (MMR)** | **1 דאזע** | **2 דאזעס** | | |
| **העפיטייטיס B וואקסין[6]** | **3 דאזעס** | **3 דאזעס אדער 2 דאזעס** פון **ערוואקסענע העפיטייטיס B וואקסין** (Recombivax) פאר קינדער וואס האבן באקומען די דאזעס אמווייניגסטנס 4 מאנאטן אפגעטיילט צווישן די עלטער פון 11 און 15 יאר | | |
| **וואריסעלא (טשיקנפאקס) וואקסין [7]** | **1 דאזע** | **2 דאזעס** | | |
| **מענינגאקאקל קאנדזשוגעיט וואקסין (MenACWY)[8]** | **נישט שייך** | | **קלאסן 7, 8, 9, 10 און 11: 1 דאזע** | **2 דאזעס אדער 1 דאזע** אויב מען האט באקומען דער ערשטער דאזע ביי די 16 יאר אדער עלטער |
| **הימאפילעס אינפלוענזא טייפ B קאנדזשוגעיט וואקסין (Hib)[9]** | **1 ביז 4 דאזעס** | **נישט שייך** | | |
| **נומאנאקאקל קאנדזשוגעיט וואקסין (PCV)[10]** | **1 ביז 4 דאזעס** | **נישט שייך** | | |

1. דעמאנסטרירטע סעראלאגישע באווייז פון מיזעלס, מאמפס, אדער רובעלא אנטיבאדיס אדער לאבערעטאריע באשטעטיגונג פון די קראנקייטן איז אנגענומענע באווייז פון אימיוניטי צו די קראנקייטן. סעראלאגישע טעסטן פאר פאליא זענען אנגענומענע באווייז פון אימיוניטי נאר אויב דער טעסט איז גענומען געווארן פאר סעפטעמבער 1, 2019, און אלע דריי סעראטייפס זענען פאזיטיוו. א פאזיטיווע בלוט טעסט פאר העפעטייטיס B סורפעס אנטיבאדי איז אנגענומענע באווייז פון אימיוניטי צו העפעטייטיס B. דעמאנסטרירטע באווייז פון וועריסעלא אנטיבאדיס, לאבערעטאריע באשטעטיגונג פון ווארִיסעלא קראנקייט אדער דיאגנאז דורך א דאקטער, דאקטער געהילף אדער נורס פרעקטישינער אז א קינד האט געהאט ווערִיסעלא קראנקייט איז אנגענומענע באווייז פון אימיוניטי צו ווערִיסעלא.

2. דיפיטעריע און טעטנעס טאקסוידס און עיסעליולער פערטאוסיס (DTaP) וואקסין. (מינימום עלטער: 6 וואכן)

   א. קינדער וואס הייבן אן די סעריע באצייטנס זאלן באקומען א 5- דאזיגע סעריע פון DtaP וואקסין ביי 2 חדשים, 4 חדשים, 6 חדשים און ביי 15 ביז 18 חדשים און ביי 4 יאר אדער עלטער. די פערטע דאזע קען מען באקומען אזוי פרי ווי 12 חדשים, בתנאי אז כאטש 6 מאנאט זענען אדורך זייט די דריטע דאזע. פונדעסטוועגן, דער פערטע דאזע פון DtaP דארפט מען נישט נאכאמאל געבן אויב עס איז געגעבן געווארן כאטש 4 מאנאט נאך דער דריטער דאזע פון DtaP. דער לעצטער דאזע אין דער סעריע מוז מען באקומען אויף אדער נאך די פערטע געבורטסטאג און כאטש 6 חדשים נאך די פריערדיגע דאזע.

   ב. אויב דער פערטע דאזע פון DtaP איז געגעבן געווארן ביי 4 יאר אדער עלטער, און כאטש 6 חדשים נאך דאזע 3, איז דער פיפטע (בוסטער) דאזע פון DtaP וואקסין נישט פארלאנגט.

   ג. קינדער פון 7 יאר און עלטער וועלכע זענען נישט אינגאנצן אימיוניזירט מיט די קינדער DTaP וואקסין סעריע זאלן באקומען Tdap אלץ די ערשטע דאזע אין די מיטכאפן סעריע; אויב נאך דאזעס זענען נויטיג, נוצט Td אדער Tdap וואקסין. אויב מען האט באקומען די ערשטע דאזע פאר דעם ערשטן געבורטסטאג, דאן זענען 4 דאזעס פארלאנגט, אזוי לאנג ווי מען באקומט דער לעצטער דאזע ביי די 4 יאר אדער עלטער. אויב מען האט באקומען דער ערשטער דאזע אויף אדער נאך דעם ערשטן געבורטסטאג, דאן זענען 3 דאזעס פארלאנגט, אזוי לאנג ווי מען באקומט דעם לעצטן דאזע ביי די 4 יאר אדער עלטער.

3. טעטנעס און דיפטעריע טאקסאוידס און עיסעליולער פערטאוסיס (Tdap) אדאלעסענט בוסטער וואקסין. (מינימאלע עלטער פאר קלאסן 6 ביז 9: 10 יאר; מינימאלע עלטער פאר קלאסן 10, 11, און 12: 7 יאר)

   א. סטודענטן 11 יאר אדער עלטער וואס גייען אריין אין קלאסן 6 ביז 12 זענען פארלאנגט צו האבן איין דאזע פון Tdap.

   ב. אין צוגאב צו דער קלאסן 6 ביז 12 פארלאנג, קען Tdap אויך געגעבן ווערן אלץ א טייל פון די אויפכאפן סעריע פאר סטודענטן פון די עלטער פון 7 יאר און העכער וואס זענען נישט אינגאנצן אימיונירט מיט די קינדער Tdap סעריע, אזוי ווי געשילדערט אויבן. אין שולע יאר 2023-2024, וועלן נאר דאזעס פון Tdap געגעבן ביי די עלטער פון 10 יאר און העכער באפרידיגן די Tdap פארלאנג פאר סטודענטן אין קלאסן 6 ביז 9 פונדעסטוועגן, וועלן דאזעס פון Tdap געגעבן ביי די עלטער פון 7 יאר אדער העכער באפרידיגן די פארלאנג פאר סטודענטן אין קלאסן 10, 11, און 12.

   ג. סטודענטן וואס זענען 10 יאר אין קלאס 6 און וואס האבן נאכנישט באקומען א Tdap וואקסין זענען אין קאמפלייענס ביז זיי ווערן 11 יאר אלט.

4. אומאקטיווירזירטע פאליא וואקסין (IPV) אדער ארעל פאליא וואקסין (OPV) .
(מינימום עלטער: 6 וואכן)

   א. קינדער וואס הייבן אן די סעריע באצייטנס זאלן באקומען א סעריע פון IPV ביי 2 חדשים, 4 חדשים און ביי 6 ביז 18 חדשים, און ביי 4 יאר אדער עלטער. דער לעצטער דאזע אין דער סעריע מוז מען באקומען אויף אדער נאך די פערטע געבורטסטאג און כאטש 6 חדשים נאך די פריערדיגע דאזע.

   ב. פאר סטודענטן וואס האבן באקומען זייער פערטע דאזע פאר די עלטער פון 4 און פאר אוגוסט 7, 2010, איז גענוג צו האבן 4 דאזעס אפגעטיילט מיט כאטש 4 וואכן.

   ג. אויב מען האט באקומען דער דריטער דאזע פון פאליא וואקסין ביי 4 יאר אדער עלטער און כאטש 6 חדשים נאך די פריערדיגע דאזע, איז די פערטע דאזע פון פאליא וואקסין נישט פארלאנגט.

   ד. פאר קינדער מיט א רעקארד פון OPV, ווערט נאר טריוועלענט OPV (tOPV) גערעכנט צו די NYS שולע פאליא וואקסין פארלאנגען. דאזעס פון OPV געגעבן פאר אפריל 1, 2016 זאלן גערעכנט ווערן אויסער אויב זיי זענען ספעציפיש אנגעמערקט אלץ מאנאוועלענט, ביוועלענט אדער אלץ געגעבן געווארן בשעת א פאליאווייִרוס אימיוניזירונג קעמפיין. דאזעס פון OPV געגעבן אויף אדער נאך אפריל 1, 2016 מוז נישט גערעכנט ווערן.

5. מיזעלס, מאמפס און רובעלא (MMR) וואקסין. (מינימום עלטער: 12 חדשים)

   א. דער ערשטער דאזע פון MMR וואקסין האט מען געמוזט באקומען אויף אדער נאך דעם ערשטן געבורטסטאג. דער צווייטער דאזע האט מען געמוזט באקומען כאטש 28 טעג (4 וואכן) נאך דער ערשטער דאזע צו ווערן גערעכנט אנגענומען.

   ב. מיזעלס: איין דאזע איז פארלאנגט פאר פרי - קינדערגארטן. 2 דאזעס זענען פארלאנגט פאר קלאסן קינדערגארטן ביז 12.

   ג. מאמפס: איין דאזע איז פארלאנגט פאר פרי - קינדערגארטן. 2 דאזעס זענען פארלאנגט פאר קלאסן קינדערגארטן ביז 12.

   ד. רובעלא: כאטש איין דאזע איז פארלאנגט פאר אלע קלאסן (פרי - קינדערגארטן ביז 12).

6. העפעטייטיס B וואקסין

   א. דאזע 1 קען געגעבן ווערן ביים געבורט אדער סיי ווען דערנאך. דאזע 2 מוז געגעבן ווערן כאטש 4 וואכן (28 טעג) נאך דאזע 1. דאזע 3 מוז זיין כאטש 8 וואכן נאך דאזע 2 און כאטש 16 וואכן נאך דאזע 1 און נישט פריער ווי די עלטער פון 24 וואכן (ווען 4 דאזעס ווערן געגעבן, שטעלט "דאזע 4" אנשטאט "דאזע 3" אין די רעכענונגען).

   ב. צוויי דאזעס פון ערוואקסענע העפיטייטיס B וואקסין (Recombivax) וואס מען האט באקומען כאטש 4 חדשים אפגעטיילט ביי די עלטער פון 11 ביז 15 יאר וועלן באפרידיגן דער פארלאנג.

7. ווארִיסעלא (טשיקנפאקס) וואקסין: (מינימום עלטער: 12 חדשים)

   א. דער ערשטער דאזע פון ווארִיסעלא וואקסין האט מען געמוזט באקומען אויף אדער נאך דעם ערשטן געבורטסטאג. דער צווייטער דאזע האט מען געמוזט באקומען כאטש 28 טעג (4 וואכן) נאך דער ערשטער דאזע צו ווערן גערעכנט אנגענומען.

   ב. פאר קינדער אינגער ווי 13 יאר, איז די רעקאמענדירטע מינימאלע צייט אפשניט צווישן דאזעס 3 חדשים (אויב דער צווייטער דאזע איז געגעבן געווארן כאטש 4 וואכן נאך דער ערשטער דאזע, קען עס אנגענומען ווערן אלץ אנגענומען); פאר מענטשן 13 יאר און עלטער, איז די מינימאלע צייט אפשניט צווישן די דאזעס 4 וואכן.

8. מענינגאקאקעל קאנדזשוגעיט ACWY וואקסין (MenACWY). (מינימאלע עלטער פאר קלאסן 7 ביז 10: 10 יאר; מינימאלע עלטער פאר קלאסן 11 און 12: 6 וואכן).

   א. איין דאזע פון מענינגאקאקעל קאנדזשוגעיט וואקסין (Menveo, Menactra, אדער Menquadfi) איז פארלאנגט פאר סטודענטן וואס גייען אריין אין קלאסן 7, 8, 9, 10, און 11.

   ב. פאר סטודענטן אין קלאס 12, אויב מען האט באקומען דער ערשטער דאזע פון מענינגאקאקעל קאנדזשוגעיט וואקסין ביי 16 יאר אדער עלטער, איז דער צווייטער (בוסטער) דאזע נישט פארלאנגט.

   ג. דער צווייטער דאזע האט מען געמוזט באקומען ביי 16 יאר און עלטער. די מינימאלע צייט אינצווישן די דאזעס איז 8 וואכן.

9. הימאפיליס אינפלוענזא טייפ B (Hib) קאנדזשוגעיט וואקסין: (מינימום עלטער: 6 וואכן)

   א. קינדער וואס הייבן אן די סעריע באצייטנס באקומען די Hib וואקסין ביי 2 חדשים, 4 חדשים, 6 חדשים און ביי 12 ביז 15 מאנאטן. קינדער עלטער ווי 15 חדשים מוזן זיך צוריקכאפן לויט די ACIP מיטכאפן סקעדזשול. די לעצטע דאזע מוז מען באקומען אויף אדער נאך 12 חדשים.

   ב. אויב מען האט באקומען 2 דאזעס פון וואקסין פאר די עלטער פון 12 חדשים, זענען נאר 3 דאזעס פארלאנגט מיט דאזע 3 ביי 12 ביז 15 חדשים און כאטש 8 וואכן נאך דאזע 2.

   ג. אויב מען האט באקומען דאזע 1 ביי די עלטער פון 12 ביז 14 חדשים, זענען נאר 2 דאזעס פארלאנגט מיט דאזע 2 כאטש 8 וואכן נאך דאזע 1.

   ד. אויב מען האט באקומען דאזע 1 ביי 15 חדשים אדער עלטער, איז נאר דאזע 1 פארלאנגט.

   ה. Hib וואקסין איז נישט פארלאנגט פאר קינדער 5 יאר און עלטער.

   ו. פאר מער אינפארמאציע, קוקט די CDC אפדעיטס אנווייזונגען פאר געזונטע קינדער פון 4 חדשים ביז 4 יאר אלט.

10. נומאקאקעל קאנדזשוגעיט וואקסין (PCV). (מינימום עלטער: 6 וואכן)

   א. קינדער וואס הייבן אן די סעריע אין צייט זאלן באקומען PCV וואקסין ביי 2 חדשים, 4 חדשים, 6 חדשים און ביי 12 ביז 15 חדשים. קינדער עלטער ווי 15 חדשים מוזן זיך צוריקכאפן לויט די ACIP מיטכאפן סקעדזשול. די לעצטע דאזע מוז מען באקומען אויף אדער נאך 12 חדשים.

   ב. אומוואקסינירטע קינדער אין די עלטער פון 7 ביז 11 חדשים זענען פארלאנגט צו באקומען 2 דאזעס, כאטש 4 וואכן אפגעריקט, נאכגעפאלגט דורך א דריטע דאזע ביי 12 ביז 15 חדשים.

   ג. אומוואקסינירטע קינדער אין די עלטער פון 12 ביז 23 חדשים זענען פארלאנגט צו באקומען 2 דאזעס פון וואקסין כאטש 8 וואכן אפגעריקט.

   ד. אויב מען האט באקומען איין דאזע פון וואקסין ביי 24 חדשים אדער עלטער, זענען נאכפאלגענדע דאזעס נישט פארלאנגט.

   ה. PCV איז נישט פארלאנגט פאר קינדער 5 יאר און עלטער.

   ו. פאר מער אינפארמאציע, קוקט די CDC אפדעיטס אנווייזונגען פאר געזונטע קינדער פון 4 חדשים ביז 4 יאר אלט.

פאר מער אינפארמאציע, פארבינדט זיך מיט:

**New York State Department of Health**
**Bureau of Immunization**
**Room 649, Corning Tower ESP**
**Albany, NY 12237**
**(518) 473-4437**

**New York City Department of Health and Mental Hygiene**
**Program Support Unit, Bureau of Immunization,**
**42-09 28th Street, 5th floor**
**Long Island City, NY 11101**
**(347) 396-2433**